אין אידיש

ערב שב"ק פרשת
**וירא**
ט"ז מרחשוון שנת תשפ"ו

# ויאמר אליהו

שמועסן און חיזוק
ווערטער, אין אמונה און
בטחון און נאך

מאת הרב **אלי' מאיר סמיט** שליט"א
בית המדרש תוספות יו"ט ירושלים » 347-897-9968 \ 058-323- «

בס"ד

# אין קיין שום מצב, זאל זיך א מענטש נישט מייאש זיין פון געהאלפן צו ווערן!!!

### » צו האט שרה געמוזט גלייבן אין די ברכה פון דריי אראבער?!

**עס** שטייט אין די וואכעדיגע פרשה (יח יא-יד) וְאַבְרָהָם וְשָׂרָה זְקֵנִים בָּאִים בַּיָּמִים, חָדַל לִהְיוֹת לְשָׂרָה אֹרַח כַּנָּשִׁים, וַתִּצְחַק שָׂרָה בְּקִרְבָּהּ לֵאמֹר, אַחֲרֵי בְלֹתִי הָיְתָה לִּי עֶדְנָה וַאדֹנִי זָקֵן, וַיֹּאמֶר ה' אֶל אַבְרָהָם, לָמָּה זֶּה צָחֲקָה שָׂרָה לֵאמֹר הַאַף אֻמְנָם אֵלֵד וַאֲנִי זָקַנְתִּי, הֲיִפָּלֵא מֵה' דָּבָר, לַמּוֹעֵד אָשׁוּב אֵלֶיךָ כָּעֵת חַיָּה וּלְשָׂרָה בֵן.

**מען** דארף זיך מתבונן זיין פארוואס האט די רבונו של עולם גערעכענט פאר שרה אלץ אן זינד - דאס וואס זי האט נישט געגלייבט אין די ברכה פון די מלאכים, לכאו' שרה האט דאך נישט געוואוסט אז זיי זענען מלאכים, און זייער ברכה איז נישט מער ווערד ווי א ברכת הדיוט, איז פארוואס האט זי נישט אנדערש געדארפט טראכטן אז א פרוי אין אירע יארן, וואס ע"פ דרך הטבע קען נישט געבוירן קיין קינדער, וועט נישט געהאלפן ווערן כאטש די ברכה פון די דריי מענטשן, און אודאי ווען זי וואלט געוואוסט אז זיי קומען אין שליחות פונעם אייבערשטן, וואלט זי אוודאי געגלייבט אן קיין שום פקפוק.

**און** נאך מער איז שווער די קשיא זעענדיג די פאלגענדע ווערטער פון די ראשונים.

**עס** איז שוין באוואוסט די ווערטער פונעם הייליגן **רמב"ן** אין פרשת נח (ו, יט) וואס איז מבאר פארוואס נח האט זיך געדארפט פלאגן הונדערט אין צוואנציג יאר צו בויען אזא גרויסע תיבה, וואס אפי' מיט די תיבה האט מען דאך נאך אויך געדארפט צוקומען צו א נס, און ווי ער שרייבט ווי פאלגענד: "עס איז באוואוסט אז עס איז דא גאר אסאך חיות אויף דער וועלט, א חלק פון זיי זענען גאר גרויס, אזוי ווי עלעפאנטן און וויזל-טירן און נאך אנדערע, און די אלע קריכעדיגע שרצים זענען גאר אסאך, אויך פון די פייגל אין הימל זענען דא גאר אסאך סארטן וכו', און נח האט געדארפט ברענגן פון אלעס כדי זיי זאלן געבוירן נאך דורות, און אויב זאמעלט מען איין פאר א יעדע סארט זיין אייגענארטיגע עסענווארג, און גענוג עס זאל זיין פאר א גאנץ יאר, איז נישט מעגליך אז די תיבה אדער אפי' צען תיבות זאלן ארייננעמען דאס אלעס, נאר עס איז געווען א נס וואס א קליינע פלאץ האט געהאלטן אין זיך אסאך."

**און** די רמב"ן איז ממשיך און איז מסביר: "און אויב וועסטו זאגן, זאל מען עס מאכן לכתחלה קליין און זיך פארלאזן אויפן נס, נאר דער אייבערשטער האט געוואלט אז מען זאל עס מאכן גרויס וכו' כדי צו פארמינערן ווי מער פונעם נס, ווייל דאס איז די דרך אין אלע נסים פון די תורה און די נביאים, אז מען זאל טוהן וואס מען קען טוהן, און די איבריגע לאזט מען איבער פארן באשעפער", עכ"ל פון די רמב"ן.

**אזוי** אויך שטייט אין **דרשות הר"ן** (דרוש שמיני ד"ה ההקדמה הראשונה בביאור חטאם של משה רבינו במי מריבה) מיט די פאלגענדע לשון: "די ערשטע הקדמה איז, אז דער אייבערשטער האט געוואלט עס די וועלט זאל זיך פירן ע"פ דרך הטבע ווי ווייט מעגליך, און די טבע פון די וועלט איז טייער פאר איהם, און ער וויל עס נישט טוישן נאר ווען מען מוז.

**און** דעריבער האט משה רבינו געזאגט פארן אייברשטן הֲצֹאן וּבָקָר יִשָּׁחֵט לָהֶם וגו' (עי' במדבר יא, נב) - צו דען וועל איך זיך נעמען שחט'ן בהמות פאר גאנץ כלל ישראל, וואס עס האט אויסגעזעהן פון דעם כאילו משה רבינו גלייבט נישט ח"ו, אז דער אייבערשטער קען העלפן אויף אן אנדערע אופן, נאר משה רבינו האט געטראכט אז דער אייבערשטער גייט נישט סתם אזוי מאכן נסים און וואונדערליכקייטן סתם כדי אנצופילן די בייכער פון די אידן ווען עס פעלט נישט אויס, דעריבער האט ער געזאגט אז ע"פ דרך הטבע איז דאך נישט מעגליך אז איך זאל צושטעלן גענוג בהמה פלייש פאר אלע אידן."

"**און** פארן זעלבן סיבה, מאכט דער אייבערשטער, אז אפי' ווען מען דארף יא צוקומען צו א נס, זאל עס זיין אויסגעמישט מיט נאטורליכע אופנים, כדי עס זאל כביכול זיין ווי אן אנליינער פארן נס, כאטש וואס עס איז נישט גענוג כדי צו אויספירן די נס, אבער עס ליינט זיך אן אויף דעם."

"**אזוי** טרעפן מיר ביי אלישע, ווי ער האט געזאגט פאר איינע פון די פרויען פון די נביאים אז זי בארגן אסאך כלים פון אלע שכנים, און אזוי ארום וועט זי האבן אסאך כלים ווי ארייצוגיסן די אויל, און עס איז פשוט אז מיט דעם אלעם איז נישט מעגליך ע"פ דרך הטבע אז מען זאל פון איין קליינע קריגלע אויל ארייצוגיסן און אזויפיל כלים, אבער מיט דעם אלעם האט דער נביא געוואלט זיך נאכציען נאכן רצון ה' וואס וויל עס אלעס זאל געטוהן ווערן ווי ווייט מעגליך ע"פ דרך הטבע", עכ"ל.

**קומט** דאך אויס, אז אברהם אבינו וואס האט געהערט פונעם אייבערשטן אליין, האט געגלייבט מיטן גאנצן תמימות, און האט נישט נאכגעטראכט און געמאכט חשבונות, אבער שרה אמנו וואס האט נאר געהערט פון אפאר אראבער, האט זי לכאו' געמעגט מאכן א פשוטע חשבון אז אויב דער אייבערטשער וואלט געוואלט זי זאל האבן קינדער וואלט ער געדארפט איר דאס שענקן אסאך יארן פאר דעם כדי עס זאל זיין ווי א קלענערע נס.

### » דער אייבערשטער אז א 'כל יכול', און קיין שום זאך איז נישט צוריקהאלטבאר פון איהם!

**די** רמב"ן ענטפערט אויף דעם אויבנדערמאנטע קשיא, אז די טענה אויף שרה איז געווען פארוואס זי האט זיך מייאש געווען און געטראכט אז דאס איז אוממעגליך, זי וואלט געדארפט גלייבן און ענטפערן 'אמן, אזוי זאל דער אייבערשטער טאקע טוהן', וואס מיט דעם וואלט זי געוויזן אז זי גלייבט נאך אז עס איז מעגליך עס זאל פאסירן.

**ווייל** אמת'ע אמונה מיינט, אז מען ווייסט און מען פילט אז דער אייבערשטער פירט די גאנצע וועלט, און אלעס וואס געשעהט אין דער וועלט איז נאר פון איהם, און עס איז נישט דא קיין שום צוריקהאלט וואס קען צוריקהאלטן פון צו טוהן וואס ער וויל, און אפי' די נאטור איז נישט קיין כח פאר זיך, נאר דאס איז די רצון ה' וואס באנייעט א יעדן טאג פון פריש זיין כח, און ווען ענטפערט אויף א ברכה 'אמן, אזוי זאל טאקע זיין', דאס ווייזט אז ער גלייבט אז עס קען טאקע אזוי פאסירן.

**און** אין ספר **דברי סופרים** פון **הגה"ק רבי צדוק הכהן זצ"ל** (פרק ט"ז) שרייבט ער ווי פאלגענד: "א איד טאר זיך מייאש זיין פון קיין שום זאך, סיי אין גופניות'דיגע זאכן, אזוי ווי עס שטייט אין גמ', אז אפי' א שארפע שווערד ליגט אויפן האלז פון א מענטש, זאל ער זיך נישט מייאש פון צו בעטן דעם אייבערשטן, און סיי אין נפש'ית'דיגע זאכן, אז אפי' א מענטש האט זיך דערקייקעלט צו די נידריגסטע פלאץ רח"ל, און געזינדיגט אויף זאכן וואס חז"ל זאגן אז עס העלפט נישט קיין תשובה אויף זיי, אדער ער זעהט אז ער ווערט מער און מער דערנידערט און פארגרעבט מיט גשמיות, זאל ער זיך נישט מייאש זיין און זאגן אז ער וועט שוין קיינמאל נישט קענען צוריקקומען, ווייל עס איז נישט דא קיין יאוש ביי א איד, און דער אייבערשטער קען העלפן אין א יעדע מצב."

**און** ער לייגט צו א געוואלדיגע רעיון ווי פאלגענד: ”די גאנצע בנין פון אידישקייט איז געבויעט געווארן נאך יאוש, אברהם און שרה זענען געווען אלט, און עס איז נישט איינגעפאלן פאר קיין מענטש אז זיי קענען נאך האבן קינדער, און אפי' נאך די צוזאג פונעם אייבערשטן, און שרה די צדיקת האט געוויסט און געגלייבט אז דער אייבערשטער קען אלעס, און מיט דעם אלעם איז זי געלאכט אין זיך, ווייל זיי האט נישט געגלייבט אז די אייבערשטער גייט איר טוהן אזא נס, ווייל ווען דער אייבערשטער וואלט געוואלט זי זאל האבן קינדער וואלט ער איר געקענט העלפן אסאך פאר דעם, ווייל דער אייבערשטער וויל ווי מער מען קען פארמינערן פון א נס, און ער מאכט נישט קיין נס סתם אזוי.”

”**נאר** אין אמת'ן האט דער אייבערשטער געוואלט דוקאווארטן אזוי לאנג, כדי די גאנצע אויפבוי פון כלל ישראל זאל קומען נאך א טאטאלע יאוש, נאכדעם וואס קיין שום מענטש אויף דער וועלט גלייבט שוין נישט אז זי קען נאך האבן קינדער, כדי אונז צו לערנען די געוואלדיגע מוסר השכל, אז עס איז נישט קיין שום מצב אויף דער וועלט וואס מען מעג זיך מייאש זיין, און עס איז נישט דא קיין שום זאך אין דער וועלט וואס איז אוממעגליך פארן אייבערשטן, היפלא מה' דבר, און מען טאר נישט חוקר זיין 'פארוואס' די אייבעשטער מאכט אזוי און אזוי.”

”**אזוי** וועט אויך זיין ביי די גרויסע ישועה, ווי חז"ל זאגן (סנהדרין צז.) אז 'בן דוד גייט נישט קומען ביז ווען מען איז זיך מייאש פון די גאולה', און אויף דעם האט ישעי' הנביא געזאגט (נא א), הַבִּיטוּ אֶל אַבְרָהָם אֲבִיכֶם וְאֶל שָׂרָה תְּחוֹלֶלְכֶם, אז אויך די התחלה פון כלל ישראל האט זיך אנגעהויבן נאך יאוש.”

”**און** אברהם אבינו ע"ה - די הויפט פונעם אידישן פאלק - ער איז געווען למעשה דער ערשטער וואס האט געוויזן די וועג אז מען טאר זיך נישט מייאש זיין פון קיין שום זאך נישט, דאס איז געווען ווען לוט איז געפאנגען געווארן, און יעדער איינער האט זיך שוין מייאש געווען פון איהם צו ראטעווען, און אברהם אבינו האט זיך אינטערגעגארטעלט צוזאמען מיט נאך דריי הונדערט און אכצן הויז מענטשן נאכצולויפן די פיר קעניגן, און די גמ' זאגט אז אליעזר איז בגי' דריי הונדערט אין אכצן, און די משמעות פונעם נאמען אליעזר מיינט דאך אז די באשעפער האט געראטעוועט, אזוי ווי מען זעהט ביי משה רבינו ווי די פסוק זאגט 'ושם השני אליעזר וגו' כי אלקי אבי בעזרי ויצלנו מחרב פרעה', אויך איז די ווארט יאו"ש בגי' די זעלבע, כדי צו ווייזן אז עס איז נישט דא אזא זאך ווי יאוש, ווייל יאוש דאס אליין איז די ישועה 'אליעזר'", קוק אריין דארט פאר זיינע איבריגע פייערדיגע ווערטער.

> ”...האט דער אייבערשטער געוואלט דוקא ווארטן אזוי לאנג, כדי די גאנצע אויפבוי פון כלל ישראל זאל קומען נאך א טאטאלע יאוש, נאכדעם וואס קיין שום מענטש אויף דער וועלט גלייבט שוין נישט אז זי קען נאך האבן קינדער, כדי אונז צו לערנען, אז עס איז נישטא קיין שום מצב אויף דער וועלט וואס מען מעג זיך מייאש זיין...”

**» די וועג פון גאולה איז - עס פעדערט צרות,**
**דעריבער טאר מען זיך נישט מייאש זיין!!!**

**עס** שטייט אין מסכת **סנהדרין** (צז:) אז רב נחמן האט געפרעגט רבי יצחק, ווען קומט 'בר נפלי', האט איהם רבי יצחק צוריק געפרעגט ווער איז דאס 'בר נפלי', האט ער איהם געזאגט אז דאס איז משיח, האט איהם רבי יצחק געפרעגט 'אזוי רופט מען משיח', האט ער איהם געענטפערט אז די פסוק רופט איהם אזוי אן ווייל עס שטייט אין פסוק (עמוס ט, יא) בַּיּוֹם הַהוּא אָקִים אֶת סֻכַּת דָּוִיד הַנֹּפֶלֶת.

**און** די **ערוך לנר** איז מסביר די שטיקל גמ' ווי פאלגענד: ”מען דארף מדקדק זיין, פארוואס עפעס האט ער איהם אנגערופן מיט א לשון פון א רמז און נישט געהעריג 'משיח', אויך וואס איז דער ענין פון די נאמען 'בר נפלי'. נאר מען קען זאגן אז אוודאי האט דער גרויסער שואל (-רב נחמן) געוויסט אז קיינער ווייסט נישט ווען משיח גייט קומען, דעריבער האט ער געוואלט ווייזן אז ער מיינט נישט צו פרעגן 'ווען' ער קומט, נאר ער מיינט צו פרעגן ווי אזוי גייט די וועלט אויסזעהן ווען ער גייט קומען, דעריבער האט ער געפרעגט מיט די לשון פון 'נפילה', כדי מרמז צו זיין אויפן מענטש וואס גייט קומען ווען די וועלט איז אין גאר א נידריגע מצב, דורך די אלע צרות וואס גייען אריבער אויף זיי.”

”**און** אויף די פסוק וואס ער האט אראפגעברענגט (בַּיּוֹם הַהוּא אָקִים אֶת סֻכַּת דָּוִיד הַנֹּפֶלֶת וְגָדַרְתִּי אֶת פִּרְצֵיהֶן וַהֲרִסֹתָיו אָקִים וּבְנִיתִיהָ כִּימֵי עוֹלָם) קען מען מסביר זיין, אז די נאטור איז, אז א יעדע גוטע זאך פאר עס ווערט גוט און קומט אן צו זיין שלימות, האט עס א ירידה און ווערט קאליע און נאר דערנאך ווערט עס צוריק דערהויבן און קומט אן צו זיין שלימות, אזוי ווי א קערענדל פון ווייץ אד"ג, וואס פאר עס וואקסט און עס קומט ארויס א ווייצל, ווערט עס קאליע אין דער ערד און הערשט דערנאך וואקסט ארויס מיטן פילסטן פראכט.”

**אזוי** אויך איז דאס ביים מענטש אויף דער וועלט, אז פאר ער גייט ארויף אויבן אין הימל צו חיי עולם הבא וואס איז נאך תחיית המתים, וועט ער פארפוילט ווערן אין דער ערד, און נאר נאכדעם וועט ער זיך דעהייבן און צוריק לעבעדיג ווערן און מוסיף זיין אויף זיין ביז יעצטיגע מעלה.”

”**און** לויט דעם פארשטייט מען פארוואס איז די בית המקדש קודם אויפגעבויעט געווארן און נאכדעם חרוב געווארן, ווייל אוודאי איז די עיקר מעלה פונעם בית המקדש - די בית המקדש פון לעתיד לבא, און דאס איז איינע פון די זיבן זאכן וואס זענען באשאפן געווארן פאר בריאת העולם, און כדי אז מען זוכה זיין צו די גרעסטע מעלה פונעם בית המקדש, האט אויסגעפעלט עס זאל קודם חרוב ווערן די ערשטע בתי מקדשות, און נאר דערנאך וועט עס דערהויבן ווערן אויף א גרעסערע מעלה ווען משיח וועט קומען.

”**און** לויט דעם פארשטייט שוין פשט אין פסוק. די פסוק קומט מדייק זיין און זאגן אז דעמאלטס - לעתיד לבא - וועט דער אייבערשטער צוריק אויפבויען די בית המקדש 'וואס איז געפאלן' דוקא, וואס דוקא דורכן פאלן וועט עס נאכדעם זיין אינעם העכסטן מדרגה וואס איז נאר שייך.”

”**און** דאס איז וואס רב נחמן האט געמיינט צו פרעגן פון רבי יצחק, ווי גרויס גייט זיין די נפילה בעקבתא דמשיחא, וואס נאכדעם וועט שוין משיח קומען, און אויף דעם האט ער איהם געענטפעט 'ווען עס וועלן פארמינערט ווערן תלמידי חכמים, און עס וועלן קומען אסאך צרות וכו', דעמאלטס וועט מקויים ווערן די פסוק פון אקים את סכת דוד הנפלת ובניתיה כימי עולם.” עכ"ל.

**זעען** מיר פון דעם, אז דוקא פון די שווערסטע און ערגסטע טינקלקייט גייט משיח קומען, און דאס איז וואס חז"ל זאגן אונז 'משיח קומט נישט נאר מיט היסח הדעת', דאס הייסט אז צוליב די שווערע גלות וועט מען זיך מייאש זיין פון די גאולה, אזוי ווי מען טרעפן ביי גלות מצרים, אז די פון אנהייב האבן די אידן זיך געטרייסט אז מען וועט צום סוף ווערן אויסגעלייזט, אזוי ווי יוסף האט געזאגט פאר זיינע ברודער וֵאלֹקִים פָּקֹד יִפְקֹד אֶתְכֶם וכו' (בראשית נ, כד), און זיי האבן נישט מסיח דעת געווען פון דעם ווי עס שטייט אין פסוק ווען משה רבינו איז געקומען צו זיין מיט די גוטע בשורה, שטייט וַיַּאֲמֵן הָעָם וַיִּשְׁמְעוּ וגו' (שמות ד, לא).

**אבער** נאכדעם וואס פרעה האט פארשטערקעט די ארבעט, כדי זיי זאלן זיך נישט אריינרעדן אז זיי גייען אמאל ארויסגיין, אזוי ווי ער האט געשריגן וְאַל יִשְׁעוּ בְּדִבְרֵי שָׁקֶר (שמות ה, ט), אז זיי זאלן זיך נישט איינרעדן אין די שטות און ליגענד אז מען גייט זיי אויסלייזן, דעמלטס זענען זיי ליידער מיואש געווארן, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ווייטער וְלֹא שָׁמְעוּ אֶל מֹשֶׁה מִקֹּצֶר רוּחַ וּמֵעֲבֹדָה קָשָׁה (שמות ו, ט).

**און** אזוי זעהט מען אויך אין נביא יחזקאל, אז לעתיד פאר די גאולה שלימה בב"א, וועט אויך זיין א הנהגה אז מען וועט מיינען אז מען איז שוין געהאלפן געווארן, ווען פלוצלונג וועט זיך פארשטערקערן די צרות און גלות, און גלייך נאכדעם וועט קומען די גאולה שלימה.

**זעען** מיר, אז דוקא ווען די ישועה האט זיך אנגעהויבן, אז די גלות שווערער געווארן, ביז עס איז געווארן א יאוש אין היסח הדעת, און גלייך נאכדעם זענען זיי פאקטיש אויסגעלייזט געווארן. ממילא דארף א מענטש פון דעם ארויסנעמען, אז אין יעדע מצב וואס ער געפונט זיך, אפי' עס זעהט איהם אויס אז עס איז נישט שייך ערגער פון דעם, קען גאר זיין אז אין יענע מינוטן פאנגט זיך אן זיין גאולה.